NEW

# לקוטי שיחות

BEHAR בהר

VOLUME 1, P. 273–281

# LIKKUTEI SICHOS

INSIGHTS INTO THE WEEKLY PARSHA

BY THE LUBAVITCHER REBBE

Dedicated to

# Emmanuel (Mendel) Karp

*1905 - 1989*

son of Bernard (Berl) and Rose (Rezele)

Manny Karp was the first of his family born in the United States, in 1905. His first language was Yiddish. Losing his mother to the Spanish Flu shaped his resilience and commitment to helping others, ultimately leading to a career as a guidance counselor in Philadelphia public schools. He also served many years as the director of Camp Akiba in the Poconos.

Karp's legacy is characterized by his optimism and unwavering dedication to learning and mentorship. Emmanuel Karp died in 1989.

# BEHAR I | בהר א

Adapted from *sichos* delivered on *Shabbos Parshas Behar,* 5718 (1958) and *Shabbos Mevorchim Iyar,* 5716 (1956)

## Introduction

"G-d spoke to Moshe on Mount Sinai... 'The land shall rest, a *Shabbos* unto G-d.'"[1] This verse introduces the laws of the Sabbatical year, the seventh year, a time when the land must rest, by mentioning a seemingly incongruous detail – that this command was transmitted on Mount Sinai. This prompts a question, as *Rashi* notes: Why single out Sinai for this commandment when all the Torah's laws were given there?

The answer lies in understanding the dual nature of the Sabbatical year. While it calls for pausing agricultural work, such as planting or harvesting, other day-to-day tasks, like trade or craftsmanship may continue. In this way, a Jew is given the opportunity to experience a "*Shabbos* unto G-d" while simultaneously carrying out mundane activities all year long. More particularly, the name for G-d used is *Havayah*, the name associated with His infinite transcendence. Thus, we are enabled entry into a world of transcendent G-dliness without separating ourselves from our day-to-day realities.

This dynamic mirrors the essence of Torah itself and explains the connection between the Sabbatical year, Mount Sinai, and the Torah that was given there. The Sabbatical year serves as a paradigm for all *mitzvos,* showing how to blend the spiritual and material – this being the goal of the entire Torah. It serves as a model for infusing G-d's infinite and transcendent light into a limited, material world.

This synthesis of opposing spiritual motifs is reflected in the choice of Mount Sinai as the place where the Torah was given. Sinai, "lower than all the mountains,"[2] is humble compared to the peaks of *Eretz Yisrael* – and certainly in relation to the grander ranges of other lands – yet it is a mountain, elevated above the surrounding terrain. As such, it teaches us to live engaged with earthly realities, while, at the same time, standing above them, with the potential to view them with detachment.

The integration of opposites shapes the character traits the Torah seeks to cultivate within its students: to stand with strength, rising above worldly pressures, while embodying *bittul* – humility that views others as greater. Like the Sabbatical year, this balance reflects a life of spiritual elevation within the material world.

Moshe is singled out as the exemplar of this approach. He knew his virtues – that he was chosen to ascend Sinai and receive the Torah – and yet, he was "more humble than any person on earth."[3] Aware that his positive traits were granted to him by G-d, he believed another person in his place could have surpassed him. Like the Sabbatical year, Moshe's life blended opposites, spiritual greatness with earthly humility.

---

1. *Vayikra* 25:2.

2. See *Midrash Tehillim* 68:9 (Buber ed.). See also *Megilah* 29b.

3. *Bamidbar* 12:3

This balance of contrasting qualities is not only limited to Moshe. Every one of us is called on to develop seemingly contradictory traits: standing firm in our convictions, without embarrassment despite external pressures, while retaining a posture of humility and relating to others without a trace of arrogance.

Sinai and the Sabbatical year inspire us to weave all these lessons into our life experience: to steadily proceed on the tightrope of living in the world without becoming absorbed by it; to feel our own sense of self-esteem, while granting the same degree of esteem to others. In this way, we mold the world into a dwelling for G-d.

# What Sinai Teaches

## Sinai and the Sabbatical Year

1. *Parshas Behar* begins,[1] "G-d spoke to Moshe on Mount Sinai…, 'The land shall rest, a *Shabbos* unto G-d.'" Commenting on the verse, *Rashi* quotes *Sifri*:

> Why is the Sabbatical year mentioned in connection with Mount Sinai? Were not all of the *mitzvos* related on Sinai? [The connection between the two] teaches: Just as [both] the general principles and the details of the Sabbatical year were related on Sinai, so too, the general principles and the details of all [the *mitzvos*] were related on Sinai.

Clarification is necessary: Why is this teaching specifically associated with the *mitzvah* of the Sabbatical year? It could have been stated in connection with any other *mitzvah* whose details are related in the Torah, and from that *mitzvah*, we could have learned that the details of all the *mitzvos* were related on Sinai.

Straightforwardly, it could be said that since, as a whole, the *mitzvah* of the Sabbatical year was already related in *Parshas Mishpatim* (after the Giving of the Torah)[2] – "In the seventh year, you shall leave [your field] unattended and withdraw from it…" – and it is repeated with its particulars in *Parshas Behar,* it was chosen as the paradigm to illustrate this concept. However, this is not a sufficient explanation because many other *mitzvos* were also mentioned in *Parshas Mishpatim* and reviewed afterwards with their particular details.

There is a further difficulty: Seemingly, a *mitzvah* from which a general lesson applying to all other

א. אִין אָנְהוֹיבּ סֶדְרָה שְׁטֵייט, וַיְדַבֵּר הֲוָיָ' אֶל מֹשֶׁה בְּהַר סִינַי גו' וְשָׁבְתָה הָאָרֶץ שַׁבָּת לַהֲוָיָ'. זָאגְט אוֹיף דֶעם רַשִׁ"י בְּשֵׁם תּוֹרַת כֹּהֲנִים: מָה עִנְיַן שְׁמִטָּה אֵצֶל הַר סִינַי וַהֲלֹא כָּל הַמִּצְוֹת נֶאֶמְרוּ מִסִּינַי, אֶלָּא מַה שְּׁמִטָּה נֶאֶמְרוּ כְּלָלוֹתֶיהָ וְדִקְדּוּקֶיהָ מִסִּינַי אַף כֻּלָּן נֶאֶמְרוּ כְּלָלוֹתֵיהֶן וְדִקְדּוּקֵיהֶן מִסִּינַי.

דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין, פַארְוָואס אִיז דֶער לִמּוּד "בְּהַר סִינַי" בַּיי מִצְוַת שְׁמִטָּה דַוְקָא, דֶער לִמּוּד הָאט דָאךְ גֶעקֶענְט שְׁטֵיין בַּיי אַן אַנְדֶער מִצְוָה (בַּיי וֶועלְכֶער עֶס וֶוערְן אוֹיסְגֶערֶעכְנְט אִירֶע פְּרָטִים) אוּן פוּן יֶענֶער מִצְוָה וָואלְט מֶען אָפְּגֶעלֶערְנְט אוֹיף אַלֶע מִצְוֹת שֶׁכָּל דִּקְדּוּקֵיהֶן נֶאֶמְרוּ מִסִּינַי?

אִין פַּשְׁטוּת קֶען מֶען עֶנְטְפֶערְן, וַוייְל מִצְוַת שְׁמִטָּה שְׁטֵייט שׁוֹין בִּכְלָלוּת אִין פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים (נָאךְ מַתַּן תּוֹרָה), וּבַשְּׁבִיעִית תִּשְׁמְטֶנָּה וּנְטַשְׁתָּהּ, אוּן אִין פַּרְשַׁת בְּהַר חַזֶר'ט זִי זִיךְ אִיבֶּער בְּדֶרֶךְ פְּרַט. דָאס אִיז אָבֶּער נָאךְ נִיט גֶענוּגֶענְד, וַוייְל עֶס זַיְינֶען דָא נָאךְ מִצְוֹת וֶועלְכֶע שְׁטֵייעֶן אִין פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים.

אוּן נָאךְ שְׁוֶוערֶער אִיז: אַ מִצְוָה פוּן וֶועלְכֶער מֶען לֶערְנְט אָפּ

---

1. *Vayikra* 25:1-2.

2. *Shmos* 23:11.

***mitzvos* is derived should be a *mitzvah* of an encompassing nature. Why then was the *mitzvah* of the Sabbatical year chosen? It is a specific *mitzvah* and has many limitations** – for example, **its observance is limited in time** and, according to Scriptural Law, **it is observed only in the era when the Jubilee year** is also **observed.** True, there are ***halachic* authorities who maintain that** this *mitzvah* **is also observed in the present era** according to Scriptural Law. **However, according to most *halachic* authorities, its** current observance stems **from Rabbinic Law.**[3] **And it also has a limitation in place:** It is observed **only in *Eretz Yisrael*, not in the Diaspora.**[4]

**Accordingly, it is necessary to identify a certain aspect** that causes **the *mitzvah*** of the Sabbatical year to be considered **a *mitzvah* of a general nature, as will be explained.**

אוֹיף אַלֶע מִצְוֹת, הָאט זִי דָאךְ גֶעדַארְפְט זַיְין אַ מִצְוָה כְּלָלִית, פַארְווָאס הָאט מֶען אוֹיסְגֶעקְלִיבְן מִצְוַת שְׁמִטָּה וְואָס אִיז לִכְאוֹרָה אַ מִצְוָה פְּרָטִית אוּן הָאט כַּמָּה וְכַמָּה הַגְבָּלוֹת: נוֹהֵג רַק בִּזְמַן שֶׁהַיּוֹבֵל נוֹהֵג; אוּן אֲפִילוּ לוֹיט דִי דֵיעוֹת אַז עֶס אִיז נוֹהֵג אוֹיךְ בִּזְמַן הַזֶּה, אִיז דָאס אָבֶּער לְדַעַת רוֹב הַפּוֹסְקִים נָאר מִדְּרַבָּנָן[א]. דָאס אִיז אַ הַגְבָּלָה בִּזְמַן. סְ'הָאט אוֹיךְ אַ הַגְבָּלָה בְּמָקוֹם: אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל דַּוְקָא אוּן נִיט אִין חוּץ לָאָרֶץ[ב].

מוּז מֶען דֶערְפַאר זָאגְן אַז מִצְוֹת שְׁמִטָּה אִיז אִין אַ גֶעווִיסְן זִין אַ מִצְוָה כְּלָלִית, ווִי מֶען וועט עֶס ווַיְיטֶער דֶערְקְלֶערְן.

## Purpose and Preparation

**2. The** opening **passage** of *Parshas Behar* continues,[5] **"Six years you shall sow your field and six years you shall prune your vineyard…." On the surface,** this verse appears superfluous **since** these activities **are not commanded but rather matters** left to one's **discretion. Why would one think that these activities are forbidden and thus need to** counter that supposition by **stating, "Six years…"?**

**This compels us to say that "Six years you shall sow your field…." is also included in the** overall **theme of the *mitzvah* of the Sabbatical year. The *mitzvah* comprises not only** the charge, **"In the seventh year,** the land shall [be granted] **a complete rest,"**[6] **but also, "Six years you shall sow…."**

**There are two dimensions to this** interrelationship:

ב. ווַיְיטֶער אִין פָּסוּק זָאגְט עֶר, שֵׁשׁ שָׁנִים תִּזְרַע שָׂדֶךָ וְשֵׁשׁ שָׁנִים תִּזְמֹר כַּרְמֶךָ גו'. אִין פְּלוּג, צוּ ווָאס דַארְף מֶען דָאס זָאגְן, ווִיבַּאלְד דָאס אִיז דָאךְ נִיט קֵיין צִיווּי נָאר אַן עִנְיָן פוּן רְשׁוּת, אִיז מֵהֵיכִי תֵּיתֵי אַז מֶען טָאר עֶס נִיט, ווָאס מֶען דַארְף זָאגְן שֵׁשׁ שָׁנִים גו'?

מוּז מֶען זָאגְן, אַז אוֹיךְ דֶער שֵׁשׁ שָׁנִים תִּזְרַע שָׂדֶךָ גו' גֵייט אַרַיְין אִין דֶעם עִנְיָן פוּן מִצְוַת שְׁמִטָּה. דִי מִצְוָה אִיז נִיט נָאר וּבַשָּׁנָה הַשְּׁבִיעִית שַׁבַּת שַׁבָּתוֹן, נָאר אוֹיךְ שֵׁשׁ שָׁנִים תִּזְרַע גו' אִיז אַ טֵייל פוּן דֶער מִצְוָה.

דָאס אִיז אִין צְווֵיי אוֹפַנִּים:

---

**3. *Talmud Yerushalmi, Gitin* 4:3, quoted by *Rashi* and *Tosafos, Gitin* 36a; *Rambam, Hilchos Shemitah VeYoval* 10:9 (this follows the understanding of *Beis Yosef, Yoreh Deah,* the beginning of sec. 331; see *Kessef Mishneh, Hilchos Shemitah VeYoval* 9:2); *Tur, Yoreh Deah,* sec. 331; *Sefer HaChinuch, mitzvah* 84.**

**4. *Kiddushin* 36b; *Rambam, Hilchos Shemitah VeYoval* 4:25; *Tur,* loc. cit.; *Sefer HaChinuch,* loc. cit.**

5. *Vayikra* 25:3.

6. Ibid. 25:4.

a) "Six years you shall sow" **prepares for,** and makes possible the observance of, **the *mitzvah* of the Sabbatical year.** To properly **fulfill the** charge, **"In the seventh year,** the land shall [be granted] **a complete rest,"** one must first carry out **the preparatory stage of "Six years you shall sow...."**

b) The six years of agricultural work **represent the purpose of the *mitzvah* of the Sabbatical year. The ultimate intent of resting in the seventh year is so that there can be "Six years you shall sow..." afterwards.**

א) סְ'אִיז אַ הֲכָנָה צוּ מִצְוַת שְׁמִטָּה. בִּכְדֵי צוּ קֶענֶען דוּרְכְפִירְן דֶעם וּבַשָּׁנָה הַשְּׁבִיעִית שַׁבַּת שַׁבָּתוֹן אִיז דָאס דוּרְךְ דֶער הֲכָנָה פוּן שֵׁשׁ שָׁנִים תִּזְרַע גו'.

ב) דָאס אִיז דֶער תַּכְלִית פוּן מִצְוַת שְׁמִטָּה. דֶער תַּכְלִית הַכַּוָּנָה פוּן שַׁבָּתוֹן שֶׁבַּשָּׁנָה הַשְּׁבִיעִית אִיז בִּכְדֵי אַז דֶערְנָאךְ זָאל זַיְין שֵׁשׁ שָׁנִים תִּזְרַע גו'.

## Teaching Trust

**3. The straightforward concept of the Sabbatical year is that "in the seventh year, the land shall [be granted] a complete rest, a *Shabbos* unto G-d; you shall not sow your field and you shall not prune your vineyard."[6] In the seventh year, one must cease all activities related to working the land from which he produces bread and the like that sustain man's life.**

The Torah then raises a valid question: **"If you will ask, 'What will we eat** in the seventh year if we will not sow or gather in our produce?'"[7] **For this, the Torah provides an answer, "I will command My blessing** for you in the sixth year, **and it will yield produce for three years."[8]**

This highlights **the theme of the *mitzvah* of the Sabbatical year: Once in seven years, a Jew is called upon to separate himself from all earthly matters** and **worldly needs. He should not carry out agricultural work that produces the "bread by which man lives,"**[9] but, instead, **he should rely entirely on G-d,** trusting **that He will provide his livelihood in a manner that transcends the natural order.**

ג. דֶער עִנְיָן פוּן שְׁמִטָּה כִּפְשׁוּטוֹ אִיז, אַז בַּשָּׁנָה הַשְּׁבִיעִית דַארְף זַיְין שַׁבָּתוֹן לָאָרֶץ, שָׂדְךָ לֹא תִזְרָע וְכַרְמְךָ לֹא תִזְמוֹר וגו'. בַּשָּׁנָה הַשְּׁבִיעִית דַארְף זַיְין שַׁבָּתוֹן אִין דִי אַלֶע עִנְיָנִים פוּן מְלָאכוֹת הָאָרֶץ פוּן וָואס מֶען מַאכְט לֶחֶם וכו' שֶׁעָלָיו יִחְיֶה הָאָדָם.

וְכִי תֹאמְרוּ מַה נֹּאכַל? אוֹיף דֶעם עֶנְטְפֶערְט דִי תּוֹרָה: וְצִוִּיתִי אֶת בִּרְכָתִי גו' וְעָשָׂת אֶת הַתְּבוּאָה לִשְׁלֹשׁ הַשָּׁנִים.

דֶער תּוֹכֶן פוּן דֶעם עִנְיָן פוּן מִצְוַת שְׁמִטָּה אִיז: מֶען מָאנְט בַּיי אַ אִידְן אַז אֵיין מָאל אִין זִיבְן יָאר זָאל עֶר זִיךְ גֶעזֶעגֶענֶען פוּן אַלֶע עִנְיָנִים אַרְצִיִּים, עֶרְדִישֶׁע בַּאדֶערְפֶענִישְׁן, עֶר זָאל נִיט הָאבְּן צוּ טָאן מִיט מְלָאכוֹת הָאָרֶץ וָואס זַיְינֶען פַארְבּוּנְדְן מִיט דֶעם לֶחֶם שֶׁעָלָיו יִחְיֶה הָאָדָם, אוּן עֶר זָאל זִיךְ אִינְגַאנְצְן פַארְלָאזְן אוֹיף דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, אַז עֶר וֶועט אִים גֶעבְּן זַיְין פַּרְנָסָה לְמַעְלָה מֵהַטֶּבַע.

---

7. Ibid. 25:20.

8. Ibid. 25:21.

9. Cf. *Devarim* 8:3.

This is not meant to be the ongoing **pattern. Most of the time – quantitatively speaking – a Jew must engage with worldly matters for the purpose of** fulfilling the spiritual **task** of **refining** creation (***avodas habirurim***).

אַ סֵדֶר אוֹיף אַלֶע מָאל אִיז עֶס נִיט. רוֹב הַזְּמַן - בְּכַמּוּת - דַארְף אַ אִיד הָאבְּן צוּ טָאן מִיט עִנְיָנֵי הָעוֹלָם, צוּלִיבּ עֲבוֹדַת הַבֵּירוּרִים. דָאס אִיז דָאךְ דֶער עִנְיָן וָואס הִתְהַוּוּת הָעוֹלָם אִיז גֶעוֶוען דוּרְכְן שֵׁם אֱלֹקִים בְּגִימַטְרִיָּא הַטֶּבַע, בִּכְדֵי דֶער אָדָם זָאל זִיךְ עוֹסֵק זַיְין עַל פִּי תּוֹרָה אִין דִי עִנְיָנִים פוּן טֶבַע, אוּן דוּרְךְ דֶעם מְבָרֵר וּמְזַכֵּךְ זַיְין דִי עִנְיָנֵי הַטֶּבַע.

**This** relates to **the concept that the world was created via G-d's name** ***Elokim*** (**א-להים**), which shares **the** same ***gematria*** (**"numerical equivalent"**) **as** ***hateva*** (**הטבע**, **"nature"**). The intent is **that man engage with the aspects of nature following the Torah's** guidance **and, in that way, refine and elevate the elements of the natural order.**

**Nevertheless, at certain times, a Jew is called upon to rise above the world. True, we are charged with refining the world. However, there are** specific **occasions when we must change course and adopt a stance that transcends the world,** disregarding even the need to elevate and refine it.

אָבֶּער אִין גֶעוִויסֶע צַיְיטְן, מָאנְט מֶען בַּיְים אִידְן, עֶר זָאל אַרוֹיס פוּן וֶועלְט. הֲגַם מֶען דַארְף אִיר טַאקֶע מְבָרֵר זַיְין, אָבֶּער בִּזְמַן מִן הַזְּמַנִּים דַארְף זַיְין דִי תְּנוּעָה, צוּ שְׁטֶעלְן זִיךְ הֶעכֶער פוּן וֶועלְט.

## Two Paths of Precedence

**4. These two aspects are interdependent:** One approach is that **engaging with worldly matters (*hateva*) according to the Torah's guidance** enables a person **to reach the state of transcendence,** rising above the natural order that characterizes **the world.** The culmination of this process is that **"the land shall rest, a *Shabbos* unto** G-d." (That verse uses the Divine name ***Havayah***,[10] which refers to His transcendent dimension. At this level, He encompasses **the past, present, and future as one.** This dimension of G-dliness **transcends the name *Elokim*,** G-dliness as manifest **in nature.**)

ד. דִי צְוֵויי עִנְיָנִים זַיְינֶען אָפְּהֶענְגִיק אֵיינֶער פוּן צְוֵוייטְן.

בִּכְדֵי עֶס זָאל זַיְין דִי תְּנוּעָה פוּן שְׁטֶעלְן זִיךְ הֶעכֶער פוּן וֶועלְט, וְשָׁבְתָה הָאָרֶץ שַׁבָּת לַהֲוָיֶ', הָיָה הֹוֶה וְיִהְיֶה כְּאֶחָד, וָואס הֶעכֶער פוּן שֵׁם אֱלֹקִים בְּגִימַטְרִיָּא הַטֶּבַע, אִיז דָאס דוּרְךְ דֶעם וָואס הָאבְּנְדִיק צוּ טָאן מִיט עִנְיָנֵי הָעוֹלָם אִיז עֶס עַל פִּי תּוֹרָה.

Such an approach **represents the first interpretation mentioned earlier: "Six years you shall sow your field" serves as preparation for "the seventh year, [when]** the land shall [be granted] a complete rest." By

וָואס דָאס אִיז דֶער עֶרְשְׁטֶער אוֹפֶן, אַז דֶער שֵׁשׁ שָׁנִים תִּזְרַע שָׂדֶךָ גו'

10. The term used in *Chassidus* and Kabbalah to refer to the four-letter name of G-d that is not pronounced as written because of its great holiness. This name reflects the dimension of G-d that transcends time. This concept is alluded to by the letters of the name י-ה-ו-ה, for they contain the letters of the words *hayah* (היה), "He was," *hoveh*, (הוה), "He is," and *yihiyeh* (יהיה), "He will be," as they are combined as one.

saying, **"you shall sow your field,"** the Torah implies that while working **the field, one should observe all the relevant laws,** subsequently codified in **the *Shulchan Aruch,* those regarding mixed species (*kilayim*) and the like.** This – carrying out one's worldly activities according to the Torah – is the manner in which the six years of work prepare for the seventh year.

**The second approach** is that the seventh year prepares for the coming six. The motivating principle is that **to accomplish the refinement of worldly matters, one must occasionally rise to a level of Divine service entirely above the world. Then,** afterwards, **upon returning to** engage with **the world, not only is he not drawn into it** inappropriately, **but on the contrary, he transforms the world itself into a conduit for G-dliness.**

**As explained in *Kuntres Eitz HaChayim*,[11] to properly maintain the lower level of unity (*yichuda tata'ah*)**, the conception of existence that allows for the perception of an independent identity that nullifies itself to G-d, **there must be an awareness, at least in general terms, of the higher level of unity (*yichuda ila'ah*)**, the conception that all existence is subsumed within G-dliness.

**This represents the second interpretation** mentioned earlier: "Six years **you shall sow your field..."** **constitutes the** ultimate **purpose. However, the refinement of the world cannot be properly accomplished unless it is** preceded by **the step of detaching oneself from the world.**

- וואָס דער טײַטש תִּזְרַע שָׂדֶךָ גו׳ איז, אַז אין שָׂדֶה היט ער זיך אויס אין אַלע עִנְיָנִים לויט דעם שֻׁלְחָן עָרוּךְ אַזוי ווי כִּלְאַיִם וכו׳ -

איז אַ הֲכָנָה צום וּבַשָּׁנָה הַשְּׁבִיעִית.

דער צווייטער אופן: בִּכְדֵי עס זאָל קענען זײַן דער בֵּירוּר פון עִנְיְנֵי הָעוֹלָם, איז דאָס דַוְקָא דורך דעם וואָס אַמאָל שטעלט ער זיך אין זײַן עֲבוֹדָה העכער אין גאַנצן פון וועלט. וואָס דאַן, אויך קומענדיק אין וועלט, איז ניט נאָר וואָס ער ווערט ניט אַרײַנגעשלעפּט אין איר, נאָר אַדְּרַבָּה, ער מאַכט פון וועלט גופא אַ כְּלִי צו אֱלֹקוּת.

אַזוי ווי עס שטייט אין קוּנְטְרֵס עֵץ הַחַיִּים[7], אַז בִּכְדֵי צו האַלטן בײַ יִחוּדָא תַּתָּאָה ווי מען דאַרף, מוז זײַן דער הֶרְגֵּשׁ, בִּכְלָלוּת עַל כָּל פָּנִים, פון יִחוּדָא עִלָּאָה.

וואָס דאָס איז דער צווייטער אופן: דער תִּזְרַע שָׂדֶךָ גו׳ איז דער תַּכְלִית. אָבער אַנדערש קען ניט זײַן דער בֵּירוּר פון וועלט, סײַדן עס איז דאָ אויך די תְּנוּעָה פון אויסטאָן זיך פון וועלט.

## A Weekly Microcosm

**5. The same pattern exists in the relationship between *Shabbos* and the six weekdays.**

**During the six days of the week, one** actively engages in **the task of refining the world (*avodas habirurim*),** as it is written,[12] **"Six days shall you labor...." However, on**

ה. אויף דעם זעלבן אופן געפינט מען אויך אין דעם עִנְיָן פון שַׁבָּת מיט שֵׁשֶׁת יְמֵי הַחוֹל.

אין די זעקס טעג פון וואָך איז עֲבוֹדַת הַבֵּירוּרִים, שֵׁשֶׁת יָמִים

11. *Kuntres Eitz HaChayim*, ch. 7ff.

12. *Shmos* 20:9. See *Likkutei Sichos*, Vol. 1, p. 189, footnote 8, which emphasizes that just as there is a command to rest on *Shabbos,* that same verse implies a command to work during the week.

***Shabbos,*** labor is forbidden. Indeed, ***borer,*** **"selecting,"** **is** one of the categories of labor **forbidden** on *Shabbos.*

תַּעֲבֹד". אָבֶּער שַׁבָּת אִיז בּוֹרֵר אָסוּר.

**For this reason,** the Torah **states regarding** ***Shabbos, Vayechal Elokim,***[13] **"*Elokim* ceased,"** **i.e., the concealment of** G-dliness that arises from **the name** ***Elokim*** **came to an end.** It is **"a *Shabbos*** **unto G-d (*Havayah*)" – as then the name *Havayah,* which transcends nature, shines forth.**[14]

דֶערִיבֶּער שְׁטֵייט בַּיי שַׁבָּת וַיְכַל אֱלֹקִים, - עֶס עֶנְדִיקְן זִיךְ דִי הַעֲלָמוֹת פוּן שֵׁם אֱלֹקִים אוּן עֶס לַייכְט דֶער שֵׁם הֲוָיָ' שֶׁלְּמַעְלָה מֵהַטֶּבַע.

**These two aspects of** ***Shabbos*** **and the weekdays function interdependently. As explained,** each one enables the complete expression of the other.

אוּן דִי צְווֵיי עִנְיָנִים פוּן שַׁבָּת וְחוֹל זַיינֶען, ווִי דֶערְקְלֶערְט, אָפְּהֶענְגִיק אֵיינֶער פוּן צְווֵייטְן.

## In the World but Above It

**6. In truth, the Sabbatical year possesses a** distinct **advantage over *Shabbos.* On *Shabbos,* weekday activities are forbidden; thus, a person** does not engage with **the world** at all. **He stands above** it, **with no connection to it. However, during the Sabbatical year,** a person **is permitted to engage in other weekday activities. He remains involved in the world. Nevertheless, "the land shall rest, a *Shabbos*** **unto G-d (*Havayah*)."** The person **is not involved in the work of refinement associated with the name *Elokim,*** elevating the natural order. **Instead,** he experiences **"a *Shabbos* unto *Havayah,*"** a taste of G-dly light that **transcends the world, even while he remains within the world. Within the world itself, he draws down G-d's name *Havayah* which completely transcends the world.**

ו. בֶּאֱמֶת אִיז דָא אַ מַעֲלָה אִין שְׁמִטָּה אוֹיף שַׁבָּת. שַׁבָּת אִיז דָאךְ אָסוּר בְּעוּבְדִין דְּחוֹל, שְׁטֵייט דָאךְ דֶער מֶענְטְשׁ דַאן הֶעכֶער פוּן ווֶעלְט אוּן הָאט מִיט אִיר קֵיין פַארְבּוּנְד נִיט. אָבֶּער אִין שְׁמִטָּה מֶעג עֶר דָאךְ טָאן אַנְדֶערֶע עִנְיָנִים פוּן עוּבְדִין דְּחוֹל, עֶר אִיז אִין ווֶעלְט, אוּן פוּנְדֶעסְטְווֶעגְן וְשָׁבְתָה הָאָרֶץ שַׁבָּת לַהֲוָיָ'; נִיט קֵיין עִנְיָן פוּן עֲבוֹדַת הַבֵּירוּרִים שֶׁבְּשֵׁם אֱלֹקִים, נָאר שַׁבָּת לַהֲוָיָ' שֶׁלְּמַעְלָה מֵהָעוֹלָם, כָאטשׁ אַז עֶר אִיז אִין ווֶעלְט.

אִין ווֶעלט גוּפָא אִיז עֶר מַמְשִׁיךְ דֶעם שֵׁם הֲוָיָ' שֶׁלְּמַעְלָה מֵהָעוֹלָם לְגַמְרֵי.

**This** mode of conduct follows **the interpretation** of the phrase,[15] **"the land shall rest" (*veshavsah ha'aretz*) found in the teachings of the Baal Shem Tov: that earthliness will cease**[16] **and be nullified.** In other words, **"rest,"** the element of bittul, **will be introduced** and integrated **within material matters themselves.**

אוּן דָאס אִיז עַל דֶּרֶךְ דֶעם פֵּירוּשׁ עַל־פִּי תּוֹרַת הַבַּעַל שֵׁם טוֹב: וְשָׁבְתָה הָאָרֶץ - שְׁבִיתָה וּבִיטּוּל אִין אֶרֶץ; מֶען טְרָאגְט אַרַיין שְׁבִיתָה אִין דִי עִנְיָנִים אַרְצִיִּים גּוּפָא.

---

13. *Bereishis* 2:2. We have translated the verse according to the context that it is used in the *sichah.* Its literal meaning is "G-d completed."

**14. See *Likkutei Sichos,* Vol. 1, p. 270.**

**15. See *Toldos Yaakov Yosef,* the beginning of *Parshas Behar.***

16. *Veshavsa,* which straightforwardly is translated as "rest," can also mean "cease."

## The Seventh Day – the Seventh Year

**7. The above also enables us to understand *Rashi's* comment on the phrase,[17] "a *Shabbos* unto G-d"** – that the land shall rest **"for the sake of G-d, just as it is stated regarding the *Shabbos* of Creation."**

One might ask: **What** insight **is *Rashi*** contributing **here? Based on the previous discussion, however,** the significance of this commentary **becomes clear: Since a person is permitted to perform weekday activities during the Sabbatical year** – thus, **he** remains **involved with the world – one might have thought that the prohibition against plowing and sowing during the Sabbatical year does not relate to the name *Havayah* that transcends the world.** It might seem that a person's activities during the Sabbatical year relate to **the task of refinement, similar to the commandment, "Six years you shall sow...," whose purpose is refining the world, not** experiencing **transcendence above the world.**

**To prevent this** misunderstanding, ***Rashi* clarifies that** the cessation of work **is "for the sake of G-d, just as it is stated regarding the *Shabbos* of Creation."** The Jews **cease working the land from which bread – the primary sustenance of man – is produced and,** thereby, **detach themselves from the world in a manner that resembles** the detachment required in connection with **the *Shabbos* of Creation. The fact that other weekday activities are permitted constitutes an additional advantage – that within weekday activities themselves, one introduces the light of *Havayah* that completely transcends all worlds.**[18]

ז. דֶערְמִיט וֶועט מֶען אוֹיךְ פַאַרְשְׁטֵיין וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין רַשִׁ"י אוֹיפְן פָּסוּק שַׁבָּת לַהֲוָיֶ': "לְשֵׁם ה' כְּשֵׁם שֶׁנֶּאֱמַר בְּשַׁבַּת בְּרֵאשִׁית". אִין פְּלוּג, וָואס טוּט רַשִׁ"י דָא אוֹיף? אָבֶער לוֹיט דֶעם וָואס מֶען הָאט פְרִיעֶר גֶערֶעדט אִיז עֶס פַאַרְשְׁטַאנְדִיק: וִויבַּאלְד אַז שְׁמִטָּה מֶעג עֶר טָאן עוּבְדִין דְּחוֹל, מֶען הָאט צוּטָאן מִיט וֶועלְט, הָאט מֶען דָאךְ גֶעקֶענְט מֵיינֶען, אַז דֶער אִיסוּר הַחֲרִישָׁה וּזְרִיעָה אִין שְׁמִטָּה, אִיז נִיט קֵיין עִנְיָן פוּן הֲוָיֶ' שֶׁלְמַעְלָה מֵהָעוֹלָם, נָאר אַן עִנְיָן פוּן עֲבוֹדַת הַבֵּירוּרִים, וְעַל דֶּרֶךְ דִי מִצְוֹת פוּן שֵׁשׁ שָׁנִים תִּזְרַע גו', וָואס זֵייעֶר עִנְיָן אִיז בֵּירוּר אִין וֶועלְט גּוּפָא, נִיט הֶעכֶער פוּן וֶועלְט;

בַּאוָוארְנְט עֶס רַשִׁ"י אוּן זָאגְט, אַז דָאס אִיז אַן עִנְיָן פוּן "לְשֵׁם הֲוָיֶ' כְּשֵׁם שֶׁנֶּאֱמַר בְּשַׁבַּת בְּרֵאשִׁית". עֶס אִיז אַן עִנְיָן פוּן שְׁבִיתַת הָאָרֶץ שֶׁמִּמֶּנָּה תֵּצֵא לֶחֶם, עִיקַּר חַיּוּת הָאָדָם, אִיז עֶס אַ הַפְשָׁטָה פוּן וֶועלְט כְּשֵׁם וִוי בַּיי שַׁבַּת בְּרֵאשִׁית. אוּן דָאס וָואס מֶען מֶעג טָאן אַנְדֶערֶע עוּבְדִין דְּחוֹל, אִיז דָאס נָאךְ אַ וַוייטֶערְדִיקֶע מַעֲלָה, אַז אִין עוּבְדִין דְּחוֹל גּוּפָא טְרָאגְט מֶען אַרַיין דֶעם אוֹר הֲוָיֶ' שֶׁלְמַעְלָה מֵהָעוֹלָמוֹת לְגַמְרֵי[ז].

## A Paradigm for All *Mitzvos*

**8. Based on the above, we can also understand why the *mitzvah* of the Sabbatical year is a general,**

ח. לוֹיט דֶעם וֶועט מֶען אוֹיךְ פַאַרְשְׁטֵיין וָואס מִצְוַת שְׁמִטָּה

17. *Vayikra* 25:2.

18. See *Likkutei Sichos*, Vol. 1, p. 108.

all-encompassing ***mitzvah***: Its purpose **represents the inner intent of all *mitzvos*. However, this purpose is revealed explicitly in the *mitzvah* of the Sabbatical year.**

**In** *Tanya*,[19] **the Alter Rebbe explains that involvement in Torah** study, ***mitzvos*, and prayer constitutes actual self-sacrifice, "similar to when** the soul **departs from the body... [during this observance, the soul] does not contemplate bodily needs, but rather its thought is unified with and clothed in the letters of Torah and prayer." This means that during Torah study, the fulfillment of *mitzvos*, and prayer, one should experience feelings** comparable to those experienced when **one's soul has already departed from the body,** in the spirit of the verse,[20] **"To You, G-d, I lift up my soul."**

**However,** together with these transcendent feelings, each **person is also called upon to fulfill each *mitzvah* properly, with its limitations of time and place, and with all the precise details required for each *mitzvah*** – as dictated by **the defined** parameters **of this** physical **world.**

**This means that the** essence **of the *mitzvos*** in**volves** a synthesis of opposing spiritual motifs: **One must adopt the approach of self-sacrifice, detachment from the body and physicality, and together with this very approach, fulfill the *mitzvah* with all its details and specifics. This represents drawing down infinite, (transcendent G-dliness) into the finite (the confines** of this material world).

**However, in *mitzvos* on the whole, this concept remains hidden; it is only expressed in the manner the *mitzvos* are fulfilled. However, this concept is revealed explicitly and is manifest in the *mitzvah* of the Sabbatical year itself.**

איז אַ מִצְוָה כְּלָלִית: דָאס איז דער תּוֹכֶן פוּן אַלע מִצְוֹת. נָאר אין מִצְוַת שְׁמִטָּה איז דָאס בְּגִילוּי.

דער אַלטער רֶבּי דערקלערט אין תַּנְיָא אַז דער עֵסֶק אין תּוֹרָה וּמִצְוֹת און תְּפִלָּה, איז אַן עִנְיָן פוּן מְסִירַת נֶפֶשׁ מַמָּשׁ כְּמוֹ בְּצֵאתָהּ מִן הַגּוּף כו׳ שֶׁאֵינָהּ מְהַרְהֶרֶת בְּצָרְכֵי הַגּוּף אֶלָּא מַחֲשַׁבְתָּהּ מְיוּחֶדֶת וּמְלוּבֶּשֶׁת בְּאוֹתִיּוֹת הַתּוֹרָה וְהַתְּפִלָּה. דָאס הייסט אַז בְּשַׁעַת עֵסֶק הַתּוֹרָה וּמִצְוֹת וּתְפִלָּה דַארף זַיין דער הֶרְגֵּשׁ פּוּנקט ווי עֶר איז שוֹין נָאך יְצִיאַת הַנֶּפֶשׁ מֵהַגּוּף, אֵלֶיךָ הֲוָיָ׳ נַפְשִׁי אֶשָּׂא.

פוּן דער צווייטער זַייט, מָאנְט מֶען בַּיי אִים, אַז יֶעדער מִצְוָה זָאל עֶר מְקַיֵּים זַיין כְּתִקְוּנָהּ, מִיט אִירֶע הַגְבָּלוֹת אין זְמַן און מָקוֹם און מִיט אַלע דִקְדוּקִים וָואס אין יֶעדער מִצְוָה, וָואס דָאס זַיינֶען דָאך הַגְבָּלוֹת פוּן וֶועלְט.

דָאס הייסט אַז דער עִנְיָן פוּן מִצְוֹת איז: מֶען דַארף נֶעמֶען די תְּנוּעָה פוּן מְסִירַת נֶפֶשׁ, אוֹיסְגֶעטָאן פוּן גוּף און גַשְׁמִיּוּת, און מִיט דער תְּנוּעָה גוּפָא מְקַיֵּים זַיין די מִצְוָה בְּכָל פְּרָטֶיהָ וְדִקְדוּקֶיהָ: הַמְשָׁכַת בְּלִי־גְבוּל (אוּמְבַּאגְרֶענֶעצְטְקַייט) בִּגְבוּל (אין בַּאגְרֶענֶעצְטְקַייט).

נָאר אין סְתָם מִצְוֹת איז דָאס פַארְבָּארְגְן, דָאס הֶערְט זִיךְ נָאר אָן אין דֶעם אוֹפֶן קִיּוּם הַמִּצְוֹת. אָבֶּער בַּיי שְׁמִטָּה איז דָאס בְּגָלוּי און עֶס הֶערְט זִיךְ אָן אין דער מִצְוָה אַליין.

---

**19.** ***Tanya*, ch. 41.**

20. *Tehillim* 25:1. See *Tanya*, loc. cit.

## The Theme of Sinai

**9. From where do we derive the strength to carry out such** service? **From Mount Sinai.**[21]

**Our Sages**[22] **relate that at the time of the Giving of the Torah, all the mountains assembled; each mountain arguing that the Torah should be given upon it. Mount Tabor claimed that it possessed an advantage because it was the highest mountain. Mount Carmel claimed that it had assisted in the splitting of the Red Sea.**

**The Holy One, blessed be He, responded to them** by asking: ***Lamah teratzdun*** **("Why do you contend")**[23] **–** ***teratzdun*** **is related to** ***tirtzu din*** **(seeking judgment) –** ***harim gavnunim*** **("mountains with peaks")? By considering yourselves great, you are actually blemished –** ***gavnunim,*** **"peaks," shares its root with** *giben* ("hunchbacked"), which the Torah considers a blemish, as in the verse,[24] ***giben veda****k* **("dwarf-like").** ***Hahar chamad Elokim leshivto*** **("the mountain G-d desired for His dwelling") – this refers to Mount Sinai, which is called** ***demachich mikol turaya*** **("lower than all mountains").**[25]

**At first glance, this appears difficult to understand. If the advantage lies in lowliness, the Torah should have been given in a valley, or at least on level ground, rather than on a mountain.** Conversely, **if the advantage lies in height, it should have been given on a taller mountain than Sinai.**

**The explanation is that the purpose of the Giving of the Torah is to unite these two opposites – to involve physicality, yet transform that physicality into G-dliness. This is alluded to by Mount Sinai,** embodies a similar paradox.

ט. פוּן וואַנֶען נֶעמְט מֶען דֶעם כֹּחַ אוֹיף דֶעם? - פוּן הַר סִינַי.

רַזַ״ל דֶערְצֵיילְןט אַז בְּשַׁעַת מַתַּן תּוֹרָה, הָאבְּן זִיךְ צוּנוֹיפְגֶעקְלִיבְּן אַלֶע בֶּערְג, אוּן יֶעדֶער בַּארְג הָאט גֶע׳טַעֲנֶה׳ט אַז מֶען זָאל גֶעבְּן דִי תּוֹרָה אוֹיף אִים. הַר תָּבוֹר הָאט גֶע׳טַעֲנֶה׳ט אַז עֶר הָאט אַ מַעֲלָה אִין זִיךְ, ווַיְילֶע עֶר אִיז דֶער הֶעכְסְטֶער בַּארְג. הַר כַּרְמֶל הָאט גֶע׳טַעֲנֶה׳ט אַז עֶר הָאט גֶעהָאלְפְן צוּ קְרִיעַת יַם סוּף. הָאט זֵיי דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער גֶעעֶנְטְפֶערְט, לָמָּה תְּרַצְּדוּן, פַאְרוָואס ווִילְט אִיר זִיךְ מִשְׁפֶּטְ׳ן - תְּרַצְּדוּן מִלָּשׁוֹן תִּרְצוּ דִין - הָרִים גַּבְנוּנִים, דֶערְמִיט וָואס אִיר זַיְיט גְרוֹיס בַּיי זִיךְ זַיְיט אִיר בַּעֲלֵי מוּמִים - גַּבְנוּנִים מִלָּשׁוֹן גִּבֵּן אוֹ דַק - הָהָר חָמַד אֱלֹקִים לְשִׁבְתּוֹ, אִיז דָאס הַר סִינַי, דְּמָכִיךְ מִכָּל טוּרַיָּא, נִידֶערִיקֶער פוּן אַלֶע בֶּערְג.

וְלִכְאוֹרָה אִיז נִיט מוּבָן, מִמָּה נַפְשָׁךְ, אוֹיבּ דִי מַעֲלָה אִיז אִין שִׁפְלוּת (נִידֶערִיקַיְיט) הָאט מֶען גֶעדַארְפְט גֶעבְּן דִי תּוֹרָה אִין אַ טָאל, אָדֶער עַל כָּל פָּנִים אוֹיף אַ גְלַייְכְן אָרְט אוּן נִיט אוֹיף אַ בַּארְג; אוֹיבּ דִי מַעֲלָה אִיז אִין הַגְבָּהָה (הוֹיכְקַיְיט), הָאט מֶען גֶעדַארְפְט גֶעבְּן אוֹיף בֶּערְג וָואס זַיְינֶען הֶעכֶער פוּן סִינַי?

נָאר דֶער עִנְיָן אִיז, אַז דִי כַּוָּנָה פוּן מַתַּן תּוֹרָה אִיז פַאְרְאֵיינִיקְן דִי צְווֵיי קֶעגְנְזַאצְן, עֶס זָאל זַיְין גַּשְׁמִיּוּת אוּן מַאכְן פוּן גַּשְׁמִיּוּת גּוּפָא אֱלֹקוּת. אוּן דָאס אִיז מְרוּמָּז אִין הַר סִינַי, דְּמָכִיךְ

21. The Rebbe is alluding to the phrase cited at the outset, which highlights the connection between Sabbatical year and Mount Sinai.

22. See *Midrash Tehillim* **68:9 (Buber ed.). See also** ***Megilah*** **29b.**

23. The Midrash is employing the wording of *Tehillim* 68:17.

24. *Vayikra* 21:20, translated according to Ibn Ezra, *Chizkuni, et al.*

25. *Targum Yonason ben Uziel, Shoftim* 5:5, *Tehillim,* loc. cit. See *Likkutei Torah, Bamidbar,* p. 15b.

While **"lower than all mountains,"** it is, nevertheless, a mountain, **combining both lowliness and height.**

מִכָּל טוּרַיָּא, שִׁפְלוּת און הַגְבָּהָה צוּזַאמֶען.

Thus, **the** lesson **of "Mount Sinai" grants the Jews the power** to observe **the *mitzvah*** **of the Sabbatical year, which encompasses all the *mitzvos*.** The union of opposites embodied by Mount Sinai **generates the potential to transform physicality itself into G-dliness and thus fulfill the Divine intent of creating "a dwelling place for Him, blessed be He, in the lower realms."**[26]

און פוּן דֶעם עִנְיָן "בְּהַר סִינַי" אִיז גֶעגֶעבְּן גֶעוואָרְן אִידְן דֶער כֹּחַ אוֹיף מִצְוַת שְׁמִטָּה וָואס זִי אִיז כְּלָלוּת כָּל הַמִּצְוֹת, אוֹיף מַאכְן פוּן גַשְׁמִיּוּת גוּפָא אֱלֹקוּת און דוּרְכְפִירְן דִי כַּוָּנָה פוּן דִירָה לוֹ יִתְבָּרֵךְ בַּתַּחְתּוֹנִים.

## Assimilating the Lesson Sinai Teaches

**10. The above also enables us to understand the phrase, "from Sinai,"** used in many Talmudic expressions, for example, **"Moshe received the Torah from Sinai,"**[27] **"a *halachah* transmitted to Moshe from Sinai,"**[28] **"Every novel Torah insight that an experienced scholar will reveal in the future was given to Moshe from Sinai,"**[29] ***et al.*** **At first glance, one might ask: Why mention Sinai** specifically? **After all, the main thing is that** the Torah was given **by G-d, who is present everywhere – "there is no place devoid of Him."**[30] **Why the emphasis specifically on Sinai?**

י. דֶערְמִיט וֶועט מֶען אוֹיךְ פַארְשְׁטֵיין וָואס אוּמֶעטוּם שְׁטֵייט דֶער לָשׁוֹן "מִסִּינַי": מֹשֶׁה קִבֵּל תּוֹרָה מִסִּינַי, הֲלָכָה לְמֹשֶׁה מִסִּינַי, כָּל מַה שֶׁתַּלְמִיד וָתִיק עָתִיד לְחַדֵּשׁ נֶאֱמַר לְמֹשֶׁה מִסִּינַי, וְעוֹד. אִין פְּלוּג - וָואס אִיז נוֹגֵעַ דֶער עִנְיָן פוּן סִינַי, דֶער עִיקָר אִיז דָאךְ אַז גֶעזָאגְט הָאט עֶס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער, וָואס עֶר יִתְבָּרֵךְ אִיז דָאךְ דָא אוּמֶעטוּם, לֵית אֲתַר פָּנוּי מִנֵּיהּ, וָואס אִיז דֶער דִיּוּק מִסִּינַי דַּוְקָא?

**Based on our previous discussion, however, this can be understood: The purpose of the Torah is to connect two opposites – mountain (*har*) and lowliness (*machich*) – to transform the lower realms into "a dwelling place for Him, blessed be He."**

אָבֶּער לוֹיט דֶעם אוֹיבְּן גֶעזָאגְטְן וֶועט מֶען עֶס פַארְשְׁטֵיין: דֶער תַּכְלִית פוּן תּוֹרָה אִיז צוּ פַארְבִּינְדְן צְוֵויי הֲפָכִים, הַר און מָכִיךְ, מַאכְן פוּן תַּחְתּוֹנִים אַ דִירָה לוֹ יִתְבָּרֵךְ.

Thus, **this** fusion **represents the** unique **achievement of the Giving of the Torah,** surpassing **not only the manner in which the Patriarchs fulfilled the entire Torah before it was given**[31] **– their observance represented that of "one who performs [a *mitzvah*] without being commanded"**[32] **– but also** the observance of **the *Sheva Mitzvos Bnei Noach,*** **the seven universal laws**

וָואס דָאס אִיז דֶער אוֹיפְטוּ פוּן מַתַּן תּוֹרָה נִיט נָאר אוֹיף דֶעם וָואס דִי אָבוֹת הָאבְּן מְקַיֵּים גֶעוֶוען דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה אֵיידֶער זִי אִיז גֶעגֶעבְּן גֶעוואָרְן, וָואס דָאס אִיז דָאךְ אַן עִנְיָן פוּן אֵינוֹ מְצֻוֶּה וְעוֹשֶׂה, נָאר אוֹיךְ אוֹיף דִי שֶׁבַע מִצְוֹת בְּנֵי נֹחַ און

---

26. *Tanya,* ch. 36.

27. *Avos* 1:1.

28. *Shabbos* 28b, *et al.*

29. See *Megillah* 19b; *Talmud Yerushalmi, Peah* 2:4; *et al.*

30. See *Tikkunei Zohar, tikkun* 57, p. 91b.

31. See *Kidushin* 82a.

32. See *Kiddushin* 31a, *et al.*

**given to Noach** and his **descendants**[33] **and even the commandments that were given at Marah.**[34]

**As stated in *Midrash Rabbah*,**[35] **before the Giving of the Torah, there was a decree that heaven and earth should not have any connection – "The heavens are heavens of G-d and the earth He gave to mankind."**[36] **At the Giving of the Torah, this decree was nullified.** Thus, **the entire concept of the Giving of the Torah is** the fusion of two opposites: **the fusion of heaven and earth. Accordingly,** it is fitting that **the Giving of the Torah took place on Mount Sinai,** a place that embodies **the fusion of two opposite** tendencies.

**For this reason** – so that a person will be encouraged to incorporate this concept into his conduct – **it is repeatedly emphasized that the Torah was given from Sinai. If someone should ask, "How can I connect two opposites?" the answer is: "You have been given the power to do this from Sinai."** Think for a moment: **If G-d instilled the ability to unite opposites within** a mountain, **inanimate matter – the lowest of all categories** of existence **– then how much more so does a human being, a communicator, the highest of all categories,**[37] **possess the power to unite two opposites?** In this way, **he brings to fruition the Divine intent** in creation, establishing **"a dwelling place for Him, blessed be He, in the lower realms," enabling the lower realms themselves to become a dwelling place for G-d.**

אֲפִילוּ אוֹיף דִי מִצְוֹת שֶׁנִּצְטַוּוּ בְּמָרָה. אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין מִדְרָשׁ רַבָּה׳, אַז פַאר מַתַּן תּוֹרָה אִיז גֶעוָוען אַ גְזֵירָה אַז שָׁמַיִם מִיט אֶרֶץ זָאלְן נִיט הָאבְּן קֵיין חִיבּוּר, הַשָּׁמַיִם שָׁמַיִם לַה׳ וְהָאָרֶץ נָתַן לִבְנֵי אָדָם, וּבְמַתַּן תּוֹרָה בָּטֵל הַגְּזֵירָה. אִיז וִויבַּאלְד אַז דֶער גַאנְצֶער עִנְיָן פוּן מַתַּן תּוֹרָה אִיז חִיבּוּר שָׁמַיִם וָאָרֶץ, דֶערְפַאר אִיז מַתַּן תּוֹרָה גֶעוָוען בְּהַר סִינַי, - דִי פַארְבִּינְדוּנְג פוּן צְווֵיי הֲפָכִים.

דֶערְפַאר ווֶערְט כְּסֵדֶר בַּאטָאנְט אַז תּוֹרָה אִיז גֶעגֶעבְּן גֶעוָוארְן מִסִּינַי. ווֶען אֵיינֶער ווֶעט טַעֲנָה׳ן, ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ פַארְבִּינְדְן צְווֵיי הֲפָכִים, ווֶעט מֶען אִים זָאגְן: פוּן סִינַי הָאסְטוּ אוֹיף דֶעם אַ כֹּחַ. מַה דָאךְ אִין אַ דוֹמֵם, דֶער נִידֶערִיקְסְטֶער פוּן אַלֶע סוּגִים, הָאט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אַרַיינְגֶעגֶעבְּן דֶעם עִנְיָן פוּן פַארְאֵיינִיקְן הֲפָכִים, הַיְינְט מִכָּל שֶׁכֵּן אַ מֶענְטשׁ, אַ מְדַבֵּר, דֶער הֶעכְסְטֶער פוּן אַלֶע סוּגִים, הָאט אַוַדַאי אַ כֹּחַ צוּ מְיַחֵד זַיְין צְווֵיי הֲפָכִים, אוּן דוּרְכְפִירְן דִי כַּוָּנָה פוּן דִירָה לוֹ יִתְבָּרֵךְ בַּתַּחְתּוֹנִים, אַז דִי תַּחְתּוֹנִים גּוּפָא זָאלְן זַיְין אַ דִירָה לוֹ יִתְבָּרֵךְ.

---

33. The *Sheva Mitsvos Bnei Noach* are the seven universal laws G-d commanded Noach and his descendants after the Flood, establishing the guidelines of morality for all humanity. See *Rambam*, *Hilchos Melachim* 10:8.

34. Both the *Sheva Mitzvos Bnei Noach,* the seven universal laws given to Noach and his descendants, and the commandments given to the Jews at Marah involve instances where G-d gave explicit commands. Nevertheless, these commands do not possess the virtue of the commandments given by G-d at Sinai.

35. ***Shmos Rabbah*** 12:3.

36. *Tehillim* 115:16.

37. Jewish thought frequently speaks of four categories of existence: inanimate matter, the plant kingdom, the animal kingdom, and humans. The term used to describe humans is *medaber,* a communicator. The choice of that name reflects why he is considered in a different category of existence than animals. Man's ability to communicate with others sets him apart from all other forms of being in that he can step beyond the parameters of his own existence and relate to others. True, animals also communicate with one another. However, here, the emphasis is on the depth of communication, the exchange of developed intellectual ideas and feelings, and the like, which is beyond the capacity of animals. See *Likkutei Sichos,* Vol. 6, p. 109ff.

## Sinai in the Personal Sphere

**11. The fusion of opposites embodied in Mount Sinai in its literal,** physical **sense relates to the concepts of being** simultaneously **uplifted,** a mountain, **and** yet **nullified,** the lowest of all mountains.

**Now, every aspect of the Torah is precise. Accordingly, in addition to the general allusion to unifying the higher and lower realms, there is also an allusion to uniting the opposites that should be manifest in a person who studies Torah and fulfills its commandments.** A Torah scholar must feel **uplifted,** filled with the self-esteem with which the Torah endows him, **and** also possess ***bittul,*** self-nullification, recognizing that his self-esteem stems from the Torah that he studies and not from his own personal qualities.[38]

**The above** ideas are not merely abstract theories but produce **several** applicable **directives** for our conduct:

יא. דִי פַּארְאֵייניקוּנְג פוּן הֲפָכִים וואָס אִין הַר סִינַי כִּפְשׁוּטוֹ אִיז דָאךְ אִין דֶעם עִנְיָן פוּן הִתְנַשְּׂאוּת אוּן בִּיטוּל. אַזוֹי ווִי אִין תּוֹרָה אִיז דָאךְ יֶעדֶער עִנְיָן בְּדִיוּק, אִיז אוֹיסֶער דֶעם אַלְגֶעמֵיינֶעם רֶמֶז, יִחוּד מַעְלָה וּמַטָּה, אִיז אִין דֶעם מְרוּמָּז אוֹיךְ דֶער עִנְיָן פוּן פַּארְאֵייניקְן דִי הֲפָכִים אִין דֶעם עִנְיָן פוּן הִתְנַשְּׂאוּת אוּן בִּיטוּל, ווִי עֶס דַארְף זַיְין אִין דֶעם מֶענְטשׁ וואָס לֶערְנְט תּוֹרָה אוּן אִיז מְקַיֵּים מִצְוֹת.

אוּן אִין דֶעם זַיְינֶען פַּארַאן עֶטְלֶעכֶע אָנְווַיְיזוּנְגֶען:

## Complements, not Opposites

**12. a) Two conditions are required for receiving the Torah:**

**i)** Inner **strength and self-esteem.** These qualities will prevent one **from being embarrassed in the presence of mockers.** The very first law of **the *Shulchan Aruch*[39] states, "One should not be ashamed because of people who ridicule** his Divine service." **No one in the world should be able to intimidate** a Torah Jew. He **should possess the appropriate strength to study Torah and fulfill the *mitzvos*** despite any external challenges.

**ii) Self-nullification and humility. Concerning pride,** our Sages teach[40] that it is as if G-d says, **"I cannot dwell in** the same place as a proud person."

**The repository for the Torah and its *mitzvos* is self-nullification.** As our prayers imply,[41] **"May my soul**

יב. א) צוּ קַבָּלַת הַתּוֹרָה פָאדֶערְן זִיךְ צְווֵיי תְּנָאִים:

(א) תּוֹקֶף וְהַגְבָּהָה, נִיט שֶׁעמֶען זִיךְ פַאר דִי אָפְּשְׁפֶּעטֶערְס. לֹא לְהִתְבַּיֵּשׁ מִפְּנֵי בְּנֵי אָדָם הַמַּלְעִיגִים, אִיז דֶער אָנְהוֹיבּ פוּן גַאנְץ שֻׁלְחָן עָרוּךְ, נִיט נִתְפָּעֵל ווערְן פוּן קֵיינֶעם אִין דֶער ווֶעלְט אוּן הָאבְּן אִין זִיךְ דִי רִיכְטִיקֶע שְׁטַארְקַיְיט אוֹיף לֶערְנֶען תּוֹרָה אוּן מְקַיֵּים זַיְין מִצְוֹות.
(ב) בִּיטוּל וַעֲנָוָה, וואָרוּם אוֹיף גַאֲוָה שְׁטֵייט דָאךְ, אֵין אֲנִי וָהוּא יְכוֹלִים לָדוּר[יא]. אַ כְּלִי צוּ תּוֹרָה וּמִצְוֹת - אִיז בִּיטוּל דַוְקָא. וְנַפְשִׁי

---

38. See *Likkutei Sichos,* Vol. 22, p. 159 (translated in *Selections from Likkutei Sichos, Vayikra,* p. 413ff), *et al.,* which elaborates regarding Mount Sinai teaching both pride and self-esteem and simultaneously, *bittul.*

39. More precisely, *Rama's* gloss on *Shulchan Aruch, Orach Chayim* 1:1.

**40. *Sotah* 5a.**

41. The prayer *Elokai Netzor* recited at the conclusion of the *Shemoneh Esreh.*

**be like dust to all"** makes possible the request **that follows, "Open my heart to Your Torah** and let my soul pursue **Your commandments...."**

**These two** seemingly antithetical **sets** of character traits – **strength and self-esteem, and *bittul* and humility – are not** inherently **self-contradictory. The strength a person possesses** need **not** be **derived from his sense of self-importance (*yeshus*), i.e., from his personal existence. He may well accurately** recognize **his own spiritual status,** understanding **that,** from a certain perspective, **everyone** else **is better than him.** Hence, he will hold himself **"lower than all mountains" – nevertheless, he** will observe **the Torah and its *mitzvos* with strength** and unshakable commitment **because he is fulfilling G-d's will. He** will be **so invested and devoted to fulfilling G-d's will that he will attain the most powerful fortitude,** in the face of which, **all obstacles and hindrances fall away.**

**He** will embody **complete** self-**nullification but simultaneously possess the self-esteem and** inner **strength to receive the Torah and fulfill it with self-sacrifice.**

כֶּעָפָר לַכֹּל תִּהְיֶה (דֶעמָאלְט קוּמְט) פְּתַח לִבִּי בְּתוֹרָתֶךָ וּבְמִצְוֹתֶיךָ כו׳.

און די צְווֵיי עִנְיָנִים, תּוֹקֶף וְהַגְבָּהָה און בִּיטּוּל וַעֲנָוָה, זַיְינֶען נִיט קֵיין סְתִירָה אֵיינֶער צוּם אַנְדֶערְן. וָוארוּם דֶער תּוֹקֶף וָואס עֶר הָאט אִיז נִיט מִצַּד זַיְינֶע יֵשׁוּת, דָאס הֵייסְט מִצַּד זַיְין אֵייגֶענֶער מְצִיאוּת. עֶר ווֵייסְט גוּט זַיְין מַעֲמָד וּמַצָּב, אַז יֶעדֶער אֵיינֶער אִיז בֶּעסֶער פוּן אִים, - מָכִּיךְ מִכָּל טוּרַיָּא, - און פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן הָאט עֶר תּוֹקֶף אִין תּוֹרָה וּמִצְוֹת, מִצַּד דֶעם וָואס עֶר גֵייט טָאן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְנְס רָצוֹן, און עֶר אִיז אוֹיף אַזוֹיפִיל אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן און אַרַיְינְגֶעטָאן אוֹיף צוּ מְקַיֵּים זַיְין דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְנְס רָצוֹן, אַז עֶר קְרִיגְט אִין דֶעם דֶעם גְרֶעסְטְן תּוֹקֶף און עֶס פַאלְן אָפּ אַלֶע מְנִיעוֹת וְעִכּוּבִים.

עֶר שְׁטֵייט אִין אַ בִּיטּוּל בְּתַכְלִית, און פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן שְׁטֵייט עֶר אִין הַגְבָּהָה וְתוֹקֶף מְקַבֵּל צוּ זַיְין דִי תּוֹרָה און אִיר מְקַיֵּים זַיְין בִּמְסִירַת נֶפֶשׁ.

## The Virtue of Self-Esteem

**13. b) On a deeper level – the fact that the other mountains came to G-d, arguing that the Torah should be given on them because they were lofty mountains,[22] indicates that being a mountain represents a positive quality.**

**If being a mountain merely reflected an inflated** ego, **there would have been no** logical **reason for the mountains to think this would serve as a reason for giving the Torah there. On the contrary, "[the Torah] is not found among the haughty."[42]** However, the presentation of their argument **compels us to say that** they manifested **a type of elevation that represents a positive quality.**

יג. ב) נָאךְ טִיפֶער - פוּן דֶעם וָואס דִי אַנְדֶערֶע בֶּערְג זַיְינֶען גֶעקוּמֶען צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן טַעֲנֶה׳ן מֶען זָאל גֶעבְּן דִי תּוֹרָה אוֹיף זֵיי מִצַּד דֶעם וָואס זֵיי זַיְינֶען הוֹיכֶע בֶּערְג, אִיז פַארְשְׁטֶאנְדִיק אַז דֶער עִנְיָן פוּן הַר אִיז אַ מַעֲלָה.

אוֹיבּ הַר וָואלְט גֶעמֵיינְט נִיט מֶער ווִי סְתַּם אוֹיפְגֶעבְּלָאזְנְקַייט, וָואלְט דָאךְ מִלְּכַתְּחִלָּה נִיט גֶעוֶוען קֵיין סְבָרָא בַּיי דִי הָרִים אַז דָאס זָאל זַיְין אַ טַעַם אוֹיף גֶעבְּן דִי תּוֹרָה אוֹיף זֵיי, אַדְּרַבָּה, לֹא תִמָּצֵא בְּגַסֵּי הָרוּחַ[מב], מוּז מֶען דָאךְ זָאגְן אַז דָאס אִיז אַזאַ הַגְבָּהָה וָואס אִיז אַ מַעֲלָה.

---

42. *Eruvin* 55a.

**In this vein, it is explained in *Chassidus*[43] that the concept of a mountain represents the refinement and elevation of inanimate matter – the vegetative (*tzomei'ach*)[44] aspect within the inanimate. Nevertheless, even in this elevated state, one should maintain complete self-nullification and humility.**

**The same principle applies concerning spiritual** character traits. Our Sages teach, **"A person is poor only in knowledge," and, "A person is wealthy only in knowledge."[45] The *bittul* expressed in** the request, **"May my soul be like dust to all," which is required as preparation for** the subsequent request, **"Open my heart to Your Torah and Your commandments...," is demanded even of one who is "wealthy in knowledge."** Even **while recognizing that he possesses true** spiritual **wealth, he should at that very moment genuinely feel "like dust to all."**

This concept is reflected in **the well-known interpretation of the** verse,[46] **"The man Moshe was very humble, more so than any person on the face of the earth." Although Moshe our teacher was aware of his virtues – that he was the one through whom the Torah was given – nevertheless, he considered himself lesser than "any person on the face of the earth,"** lower even than the people of ***ikvesa demeshica,* the generation directly proceeding *Mashiach's* coming. He realized that his virtues originated from** the gifts **G-d gave him** and felt that **if another Jew had been given such virtues, that person would have accomplished more than he did.**[47]

אַזוֹי שְׁטֵייט אוֹיךְ אִין חֲסִידוּת אַז דֶער עִנְיָן פוּן הַר אִיז אוֹיסְלֵייטֶערוּנְג אוּן דֶערְהוֹיבּוּנְג פוּן דוֹמֵם, צוֹמֵחַ שֶׁבְּדוֹמֵם[יג]. אוּן פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן זָאל מֶען דַאן גוּפָא שְׁטֵיין בְּתַכְלִית הַבִּיטּוּל וְהַשִּׁפְלוּת.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז אוֹיךְ אִין רוּחְנִיּוּת. עֶס אִיז דָאךְ אֵין עָנִי אֶלָּא בְּדַעַת וְאֵין עָשִׁיר אֶלָּא בְּדַעַת[יד], אִיז דֶער בִּיטּוּל פוּן וְנַפְשִׁי כֶּעָפָר לַכֹּל תִּהְיֶה וָואס עֶס מָאנְט זִיךְ אַלְס אַ הֲכָנָה צוּם פְּתַח לִבִּי בְּתוֹרָתֶךָ וּבְמִצְוֹתֶיךָ כו' - מָאנְט מֶען עֶס אֲפִילוּ בַּיי אַן עָשִׁיר בְּדַעַת, אַז ווִיסְנְדִיק אַז עֶר אִיז אַן אֱמֶת'עֶר עָשִׁיר - זָאל עֶר בְּאוֹתָהּ שָׁעָה זַיְין בֶּאֱמֶת, כֶּעָפָר לַכֹּל.

אַזוֹי ווִי עֶס אִיז בַּאוואוּסְט דֶער פֵּירוּשׁ אִין דֶעם עִנְיָן: וְהָאִישׁ מֹשֶׁה עָנָו מְאֹד מִכֹּל הָאָדָם אֲשֶׁר עַל פְּנֵי הָאֲדָמָה[טו], אַז הֲגַם מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעוואוּסְט זַיְינֶע מַעֲלוֹת, אַז דִי תוֹרָה אִיז גֶעגֶעבְּן גֶעוָוארְן דוּרְךְ אִים, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן הָאט עֶר זִיךְ גֶעהַאלְטְן קְלֶענֶער מִכֹּל הָאָדָם אֲשֶׁר עַל פְּנֵי הָאֲדָמָה, אֲפִילוּ פוּן דֶעם דוֹר פוּן עִקְבְתָא דִמְשִׁיחָא, ווַיְיל עֶר הָאט גֶעהַאלְטְן אַז דִי מַעֲלוֹת זַיְינֶע הָאבְּן זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן דֶערְפוּן וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעגֶעבְּן, אוּן אוֹיבּ אַן אַנְדֶער אִידְן וָואלְט מֶען גֶעגֶעבְּן אַזֶעלְכֶע מַעֲלוֹת, וָואלְט יֶענֶער אוֹיפְגֶעטָאן מֶער פוּן אִים.

---

**43.** **See also *Sefer HaMaamarim 5704,* p. 214**

44. *Tzomei'ach,* translated as "vegetative aspect," is a term used to refer to the plant kingdom. Literally, it means "something that grows."

**45.** ***Nedarim* 41a.**

**46.** ***Bamidbar* 12:3**

47. This was not false humility. Moshe was aware of the positive virtues he possessed. However, he a) realized that these virtues were granted to him from Above, and b) made the calculation that had these virtues been granted to another person, that person would have achieved more than him. See *Likkutei Sichos,* Vol. 17, p. 1ff. (translated in *Selections from Likkutei Sichos, Vayikra,* p. 4), *et al.* See also *Selections from Likkutei Sichos, Bamidbar,* p. 169ff.

Because of Moshe's *bittul* – that he did not view himself with any self-importance, even though he was conscious of the virtues he possessed – he became an appropriate recipient for the Torah, and the Torah was given through him.

מִצַד דֶעם בִּיטוּל פוּן מֹשֶׁה'ן, וָואס עֶר אִיז בַּיי זִיךְ נִיט גֶעוֶוען בְּהִתְנַשְּׂאוּת, אֲפִילוּ צוּלִיב דִי מַעֲלוֹת וָועלְכֶע עֶר הָאט פַארְמָאגְט, אִיז עֶר גֶעוֶוען אַ כְּלִי צוּ תּוֹרָה אוּן דִי תּוֹרָה אִיז דוּרְךְ אִים גֶעגֶעבְּן גֶעוָוארְן.

## The Ultimate Exemplar

**14. Now, we can also understand the precision of the wording,[26] "Moshe received the Torah from Sinai." At first glance, why** focus on Moshe? **Is it relevant who received the Torah? The main point is that the Torah comes from G-d!**

**However, the previous explanations enable us to understand** why Moshe's receiving the Torah is emphasized. **The lesson implied by "Moshe received" parallels the emphasis that the Torah was given "from Sinai." Every Jew who approaches the Torah must reveal within himself[48] the character traits of Moshe in the dual qualities** that he exemplified:

**a) Strength and self-nullification together – as it is written concerning Moshe, "He was king in Yeshurun"[49] and, simultaneously, "[he was] very humble, more than any person."**

**b) Humility – even while being aware of one's own virtues.**

יד. לוֹיט דֶעם וֶועט מֶען אוֹיךְ פַארְשְׁטֵיין דֶעם דִיוּק הַלָּשׁוֹן מֹשֶׁה קִבֵּל תּוֹרָה מִסִּינַי. וָוארוּם אִין פְּלוּג, וָואס אִיז נוֹגֵעַ וֶוער עֶס הָאט דִי תּוֹרָה מְקַבֵּל גֶעוֶוען, דֶער עִיקָר אִיז דָאךְ אַז דִי תּוֹרָה קוּמְט פוּן אוֹיבֶּערְשְׁטְן?

אָבֶּער וִוי מְ'הָאט גֶערֶעדְט פְרִיעֶר אִיז עֶס פַארְשְׁטַאנְדִיק. דִי אָנְוַוייזוּנְג פוּן דֶעם וָואס מֹשֶׁה קִבֵּל אִיז אַזוֹי וִוי דִי הַדְגָּשָׁה וָואס תּוֹרָה קוּמְט מִסִּינַי. יֶעדֶער אִיד וָואס גֵייט צוּ צוּ תּוֹרָה, דַארְף אִין זִיךְ מְגַלֶּה זַיְין[טו] דִי תְּכוּנוֹת פוּן מֹשֶׁה'ן, אִין בֵּיידֶע עִנְיָנִים:

א) תּוֹקֶף אוּן בִּיטוּל צוּזַאמֶען, וִוי עֶס שְׁטֵייט אוֹיף מֹשֶׁה'ן, וַיְהִי בִישֻׁרוּן מֶלֶךְ[ז], אוּן צוּזַאמֶען דֶערְמִיט - עָנָו מְאֹד מִכֹּל הָאָדָם. ב) עֲנָוָה - אוֹיךְ וִויסְנְדִיק דִי אֵייגֶענֶע מַעֲלוֹת.

## Ethical Conduct – How We Prepare to Receive the Torah

**15. This is also the significance of studying *Pirkei Avos* ("Ethics of the Fathers") during the weeks between Pesach and Shavuos, after** the fulfillment of the promise, **"when you take the people out of Egypt"[50] before** reaching its purpose, **"you will serve G-d on this mountain."[51]**

טו. דָאס אִיז אוֹיךְ דֶער עִנְיָן וָואס אִין דִי וָואכְן צְווִישְׁן פֶּסַח אוּן שָׁבוּעוֹת, נָאךְ דֶעם בְּהוֹצִיאֲךָ אֶת הָעָם מִמִּצְרַיִם אוּן פַאר דֶעם תַּעַבְדוּן אֶת הָאֱלֹקִים עַל הָהָר הַזֶּה, לֶערְנְט מֶען פִּרְקֵי אָבוֹת, אַלְס

---

48. **See *Tanya*, ch. 42 and the beginning of ch. 44,** which speak of a spark of Moshe within every Jew.

49. *Devarim* 33:5. **See *Likkutei Torah, Devarim*, p. 45a.**

50. *Shmos* 3:12.

51. The conclusion of the verse cited in the previous footnote.

We study these teachings **to prepare for the Giving of the Torah.** The reason is **that this tractate discusses developing** admirable **character traits and *derech eretz* (ethical conduct,) and "ethical conduct precedes the Torah."**[52]

As mentioned, ***Pirkei Avos* begins, "Moshe received the Torah from Sinai."** This teaches **that the beginning of the preparation for receiving the Torah involves cultivating within ourselves the qualities of Moshe and Sinai. This is the initial preparation for receiving the Torah with joy and in an internalized manner.**[53]

**אַ הֲכָנָה צוּ מַתַּן תּוֹרָה. (וָוארוּם אִין מַסֶּכֶת אָבוֹת רֶעדט זִיךְ וֶועגְן מִדּוֹת וְדֶרֶךְ אֶרֶץ, אוּן דֶּרֶךְ אֶרֶץ קָדְמָה לַתּוֹרָה"ח). אִיז דִי הַתְחָלָה פוּן מַסֶּכֶת אָבוֹת - מֹשֶׁה קִבֵּל תּוֹרָה מִסִּינַי, דָאס הֵייסְט אַז דִי הַתְחָלַת הַהֲכָנָה צוּ קַבָּלַת הַתּוֹרָה אִיז, אַז יֶעדֶער אִיד זָאל שְׁטֵיין אִין דִי תְּכוּנוֹת פוּן מֹשֶׁה אוּן סִינַי. וָואס דָאס אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע הֲכָנָה צוּ קַבָּלַת הַתּוֹרָה בְּשִׂמְחָה וּבִפְנִימִיּוּת.**

(מלוקט משיחות ש"פ בהר תשח"י.
שבת מברכים חודש אייר תשט"ז)

---

52. ***Vayikra Rabbah* 9:3, 35:6, using slightly different wording.**

53. The traditional blessing the Rebbe Rayatz would give for the holiday of Shavuos.

---

**א) ירושלמי בפרק השולח. הובא ברש"י ובתוספות גיטין לו, א. רמב"ם הלכות שמיטה ויובל פרק י הלכה ט (לפירוש הבית יוסף יורה דעה סימן שלא בתחלתו - וראה כסף משנה שם פרק ט הלכה ב). טור יורה דעה סימן שלא. חינוך מצוה פד.**

**ב) קידושין לו, ב. רמב"ם הלכות שמיטה ויובל פרק ד הלכה כה. טור שם. חינוך שם.**

**ג) פרק ז ואילך.**

**ד) זע לקו"ש ח"א עמוד 189 הערה 8.**

**ה) זע לקו"ש ח"א עמוד 270.**

**ו) זע "תולדות יעקב יוסף" אנפאנג פרשת בהר.**

**ז) זע אויך לקו"ש ח"א עמוד 108.**

**ח) פרק מא.**

**ט) מדרש תהלים סח, יז (הוצאת בובר). וראה גם כן מגילה כט, א.**

**י) שמות רבה פרשה יב, ג.**

**יא) סוטה ה, א.**

**יב) עירובין נה, א.**

**יג) זע אויך ספר המאמרים תש"ד ע' 214.**

**יד) נדרים מא, א.**

**טו) במדבר יב, ג.**

**טז) זע תניא פרק מב. ריש פרק מד.**

**יז) זע לקוטי תורה דברים מה, א.**

**יח) ויקרא רבה פ"ט, ג. שם פל"ה, ו. (בשינוי לשון).**

# BEHAR II | בהר ב

Adapted from a *sichah* delivered on *Shabbos Parshas Bamidbar,* 5718 (1958)

## Introduction

Would anyone step forward if the master of ceremonies announced, "I would like to honor the most humble person in this room"?[1] After all, claiming the virtue of humility appears to contradict that quality.

However, true humility is not failing to appreciate or ignoring one's virtues – even the virtue of humility itself – but rather acknowledging their Divine source. Like Mount Sinai, which was chosen for the Giving of the Torah despite being a modest mountain, we can recognize – and thus bring into expression – our positive qualities while maintaining complete *bitul* (self-nullification) by realizing that these qualities are gifts from G-d rather than personal achievements.

Even as we advance in wisdom and good deeds, we must remain vigilant against pride in our Divine service and daily interactions with others. The specific vessel for Torah is humility – not because we are meant to deny our accomplishments, but because we are meant to attribute them properly. In doing so, we transform our self-awareness from a spiritual liability into a foundation for genuine personal and spiritual growth.

---

1. See *Selections from Likkutei Sichos, Vayikra,* p. 412.

# According True Humility: Self-Awareness Without Pride

## Humble Self-Awareness

**According to the** concepts explained in the previous *sichah*, we can understand the final *mishnah* of Tractate *Sotah* which concludes, "When Rabbi [Yehudah HaNasi] died, humility and fear of sin ceased."[1] The Talmud relates that Rav Yosef commented on that *mishnah*, **"Do not teach [that] humility [ceased], for I exist."** As *Rashi* explains, his intent was "I am humble."

**Rav Yosef's statement** requires explanation: **On the surface, his very claim to being humble** appears **the opposite of humility.**

**Some explain** Rav Yosef's words differently. **In his own estimation, Rav Yosef did not see himself as deserving of honor. When he saw that people accorded him** great **respect, he said, "Do not teach [that] humility [ceased], for I am here." Since he thought that he did not deserve honor and yet people still gave him abundant respect, this demonstrated the humility of the people of his generation.**

*Rashi*, **however, clarifies that this is not the correct interpretation.** Rav Yosef was saying, **"For I exist and I am humble." From this, we understand that Rav Yosef's awareness of his own humility did not contradict the quality of humility** itself.

Indeed, his statements clarify **the true nature of humility. As explained in the previous** *sichah,* a person **can be aware of his own virtues, including the virtue of being humble, and, nevertheless, maintain complete self-nullification (*bitul*). This is**

א. לויט דֶעם וועט מֶען אויך פאַרשְׁטֵיין, וואָס רַב יוֹסֵף הָאט געזאָגט"ט: לֹא תִתְנֵי עֲנָוָה דְּאִיכָּא אֲנָא. וואָס אִין פְּלוּג אִיז דָאךְ דָאס גוּפָא וואָס עֶר הַאלְט זִיךְ פַאר אַן עָנָו דֶער הֵיפֶךְ פוּן עֲנָוָה?

פאַראַן וואָס דֶערקְלֶערְן, אַז רַב יוֹסֵף, לְפִי דַעְתּוֹ, הָאט אִים נִיט גֶעקוּמְט קֵיין כָּבוֹד, אוּן ווען עֶר הָאט גֶעזֶען אַז מֶען גִיט אִים אָפּ כָּבוֹד, הָאט עֶר גֶעזאָגְט לֹא תִתְנֵי עֲנָוָה דְּאִיכָּא אֲנָא, וואָס אִים קוּמְט נִיט קֵיין כָּבוֹד (לְדַעְתּוֹ), אוּן פוּנְדֶעסְטְווֶעגְן גִיט מֶען אִים אָפּ כָּבוֹד רַב, אִיז דָאךְ עֶס אַ בַּאווַיְיז אוֹיף דֶער עֲנָוָה פוּן דִי אַנְשֵׁי הַדּוֹר.

רַשִׁ"י בַּאווָארְנְט אָבֶּער אַז נִיט אַזוֹי אִיז דֶער פְּשַׁט, וְזֶה לְשׁוֹנוֹ: דְּאִיכָּא אֲנָא - שֶׁאֲנִי עַנְוְתָן. פוּן דֶעם אִיז פַארְשְׁטַאנְדִיק אַז דָאס וואָס רַב יוֹסֵף ווייס אַז עֶר אִיז אַן עָנָו אִיז נִיט קֵיין סְתִירָה צוּ מִדַּת הָעֲנָוָה.

דָאס אִיז אִין אַיְינְקְלַאנְג מִיט דֶעם וואָס אִיז אוֹיבְּן דֶערקְלֶערְט גֶעווָארְן, אַז דֶער אֲמִתִּית עִנְיָן פוּן עֲנָוָה אִיז, אַז עֶר קֶען וויסְן פוּן זַיְינֶע מַעֲלוֹת, אוֹיךְ דִי מַעֲלָה וואָס עֶר אִיז אַן עָנָו, אוּן פוּנְדֶעסְטְווֶעגְן אִיז עֶר בְּבִיטּוּל גָּמוּר, ווַיְיל בַּיי אִים אִיז אָפְּגֶעלֵייגְט אַז אַלֶע זַיְינֶע מַעֲלוֹת, אַיְינְשְׁלִיסְנְדִיק דִי

---

1. *Sotah* 49b.

possible **because such a person perceives that all his virtues, including the virtue of humility, are not his own** achievements **but what God has given him.**

**Accordingly, we can explain why Rav Yosef was called by the name "Sinai."**[2] **Rav Yosef's self-nullification** epitomized **the virtue of Sinai,** a mountain, which was "lower than all the mountains."[3] **Although** Rav Yosef **possessed the virtue of a mountain** – that is, he was on a level above others – **nevertheless, he** remained in **a state of self-nullification.**

מַעֲלָה פוּן עֲנָוָה, זַיְינֶען נִיט זַיְינֶע, נָאר וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעגֶעבְּן וכו׳, אוּן וִוי אוֹיבְּן דֶערְקְלֶערְט אִין בֵּיידֶע אוֹפַנִּים.

מֶען קֶען אוֹיךְ זָאגְן אַז דָאס אִיז אַ טַעַם פַארְוָואס רַב יוֹסֵף הֵייסְט בְּשֵׁם סִינַי - וַוְיִיל דֶער בִּיטוּל פוּן רַב יוֹסֵף׳ן אִיז גֶעוֶוען בִּבְחִינַת סִינַי, אַז כָאטשׁ עֶר הָאט דִי מַעֲלָה פוּן הַר, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן אִיז עֶר בְּבִיטוּל.

## A Word of Caution for the Wise

**2. On this basis, we can also understand the Gemara's statement,**[4] **"Rav Yosef said: A person should always learn [to emulate] the understanding of his Creator, for the Holy One, blessed be He, set aside all mountains and hills and caused His Divine Presence to rest upon Mount Sinai."**

**On the surface,** this statement **raises** conceptual **difficulties: a)** It seems to **constitute not** merely **good advice, but an imperative, safeguarding a person from** violating **an outright prohibition. b) Why bring proof from "the understanding of his Creator"?** After all, **there is an explicit verse** that cautions,[5] **"Every haughty heart is an abomination to G-d."**

**Based on the above explanation, we can understand this simply:**

**The Gemara is not warning against self-aggrandizement and ego that stem from the *kelipah* (the forces of evil). One does not need Mount Sinai to advise against** the impropriety of such conduct. **Instead, it is speaking about elevated self-esteem that is rooted in holiness. Nevertheless, when it comes to the Giving of the Torah,** one must realize that **the repository for Torah is specifically *bitul,*** nullifying any sense of ego.

ב. מִיט דֶעם וֶועט מֶען אוֹיךְ פַארְשְׁטֵיין, וָואס דִי גְמָרָא זָאגְט[כ], אָמַר רַב יוֹסֵף לְעוֹלָם יִלְמַד אָדָם מִדַּעַת קוֹנוֹ שֶׁהֲרֵי הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא הִנִּיחַ כָּל הָרִים וּגְבָעוֹת וְהִשְׁרָה שְׁכִינָתוֹ עַל הַר סִינַי.

אִין פְלוּג אִיז שְׁוֶוער: א) דָאס אִיז דָאךְ נִיט קֵיין עֵצָה טוֹבָה, נָאר אַ מוּז אוּן אַ פַארְהִיטוּנְג פוּן אַן אִיסוּר גָמוּר. ב) וָואס דַארְף מֶען בְּרֶענְגֶען אַ רַאְיָה פוּן דַעַת קוֹנוֹ כו׳, עֶס אִיז דָאךְ אַ בְּפֵירוּשׁ׳עֶר פָּסוּק[כא], תּוֹעֲבַת הֲוָיָ׳ כָּל גְּבַהּ לֵב?

לוֹיטְן אוֹיבְּנְגֶעזָאגְטְן וֶועט מֶען עֶס פַארְשְׁטֵיין בִּפְשִׁיטוּת: דָא רֶעדט זִיךְ נִיט וֶועגְן אַן עִנְיָן פוּן הִתְנַשְּׂאוּת אוּן יֵשׁוּת פוּן קְלִיפָּה, דָאס דַארְף מֶען נִיט אָפְּלֶערְנֶען פוּן הַר סִינַי. דָא רֶעדט זִיךְ וֶועגְן אַ הִתְנַשְּׂאוּת פוּן קְדוּשָּׁה, אוּן פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן, בְּשַׁעַת עֶס קוּמְט צוּ מַתַּן תּוֹרָה, זָאגְט מֶען אַז דִי כְּלִי צוּ תּוֹרָה אִיז בִּיטוּל דַוְקָא.

(משיחת ש״פ במדבר, תשח״י)

2. *Horios* 14a.

3. See *Midrash Tehillim* 68:71 (Buber ed.). See also *Megilah* 29b.

**4. *Sotah* 5a.**

**5. *Mishlei* 16:5**

יט) סוטה מט, ב.

כ) סוטה ה, א.

כא) משלי טז, ה.

# BEHAR III | בהר ג

Adapted from a *sichah* delivered on the second day of Shavuos, 5715 (1955)

## Introduction

When the Previous Rebbe, the Rebbe Rayatz, was a young boy, his father once saw him glancing out of the window at the other children playing in the street. Lovingly, but sternly, he told his son, "Better to be on the outside looking in, than on the inside looking out."

Two words – *chitzon* ("a superficial person") and *p'nimi* ("one who is inwardly oriented") – that feature in the *sichah* to follow appear frequently in chassidic lore. The impropriety of a *chitzon's* outward focus and the desirability of a *p'nimi's* inward focus are themes that chassidic mentors often emphasize as they seek to develop chassidic traits within their listeners.

The Rebbe emphasizes how the inwardness of a *p'nimi* is intrinsically connected to the choice of Mount Sinai as the place where the Torah was given.

There are many reasons for people's involvement with the Torah – the promise of material benefits, spiritual rewards, or self-improvement, but Sinai teaches that all those are external. The focus should be on the Torah alone.

# Torah – for Its Sake Alone

## When Nothing Else Exists

1. Among **the lessons the concept of Mount Sinai teaches is that a Jew should fulfill *mitzvos* without ulterior motives.** Needless to say, he should **not** seek **material reward,** even the reward promised by the Torah,[1] **"If you follow My statutes, I will provide your rain in its time…."** Even **spiritual reward** – the revelations of **the afterlife**[2] **and the like, or the refinement of the soul through the unique qualities possessed by each *mitzvah* to purify the soul** – are **not** appropriate motives. **Instead, one should fulfill *mitzvos* because this is G-d's will.** There is an **adage** coined by the Alter Rebbe,[3] **"Even if we were commanded to chop wood,"** i.e., **an activity that offers no reward and contains no special** spiritual **qualities, we would fulfill** that command **with enthusiasm** because it is G-d's will.

**Fulfilling a *mitzvah* for its rewards or special qualities is – in truth – the approach of a *chitzon* (a superficial person). A superficial person is not devoted to the matter itself; while doing one thing, he thinks about something else. A *p'nimi* (an inward-oriented person) is (as stated in the maxim of the Rebbe Rashab**[4]**) one who, when occupied with a matter is completely immersed in it. At that time, he does not think about** – indeed, **he does not have room** in his mind – **for anything else.**

**This is the lesson taught by giving the Torah specifically on Mount Sinai.** As our Sages

א. אִין דֶעם עִנְיָן פוּן הַר סִינַי אִיז דָא נָאךְ אַ הוֹרָאָה: אַ אִיד דַארְף מְקַיֵּים זַיְין אַ מִצְוָה נִיט צוּלִיבּ פְּנִיּוֹת - נִיט צוּלִיבּ גַשְׁמִיּוּת'דִיקְן שְׂכַר ווִי עֶס שְׁטֵייט: אִם בְּחֻקֹּתַי תֵּלֵכוּ וְנָתַתִּי גִשְׁמֵיכֶם בְּעִתָּם וגו', נִיט צוּלִיבּ רוּחְנִיּוּת'דִיקְן שְׂכַר פוּן גַּן עֵדֶן וְהַדוֹמֶה, נִיט אֲפִילוּ צוּלִיבּ זִיכּוּךְ הַנֶּפֶשׁ, מִצַּד דִי סְגוּלּוֹת ווָאס זַיְינֶען דָא אִין יֶעדֶער מִצְוָה אוֹיסְצוּלֵייטֶערְן דִי נְשָׁמָה - נָאר מֶען דַארְף מְקַיֵּים זַיְין מִצְוֹת ווַיְיל אַזוֹי אִיז דֶער רָצוֹן הָעֶלְיוֹן; אוּן ווִי דֶער אוֹיסְדְרוּק: "אִלּוּ נִצְטַוִּינוּ לַחְטוֹב עֵצִים", אַז אֲפִילוּ אוֹיבּ מֶען ווָאלְט אוּנְז הֵייסְן הַאקְן הָאלְץ, אַן עִנְיָן אִין ווֶעלְכְן עֶס אִיז נִיטָא קֵיין קַבָּלַת שְׂכַר אוּן קֵיינֶע סְגוּלּוֹת, ווָאלְט מֶען עֶס אוֹיךְ מְקַיֵּים גֶעווֶען מִיט אַ חַיּוּת.

מְקַיֵּים זַיְין אַ מִצְוָה צוּלִיבּ סְגוּלּוֹת אוּן קַבָּלַת שְׂכַר אִיז דָאס - בֶּאֱמֶת גֶערֶעדט - אַ סֵדֶר פוּן אַ חִיצוֹן. אַ חִיצוֹן אִיז נִיט אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן צוּם עִנְיָן אַלֵיין. טוּעֶנְדִיק אֵיין זַאךְ טְרַאכְט עֶר בְּשַׁעַת מַעֲשֶׂה ווֶעגְן אַ צְווֵייטֶער זַאךְ. אַ פְּנִימִי אִיז (ווִי דֶער מַאֲמָר[כב] פוּן כְּבוֹד קְדֻשַּׁת אַדְמוּ"ר מְהוֹרַשַׁ"ב נִשְׁמָתוֹ עֵדֶן) דֶער ווָאס טוּעֶנְדִיק אַן עִנְיָן אִיז עֶר אִינְגַאנְצְן אִין דֶעם עִנְיָן, נִיט טְרַאכְטֶנְדִיק אוּן נִיט אִיבֶּערְלָאזְנְדִיק בְּשַׁעַת מַעֲשֶׂה אַן אָרְט פַאר עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ.

אוּן דָאס אִיז דִי הוֹרָאָה פוּן גֶעבְּן דִי תּוֹרָה אוֹיפְן הַר סִינַי דַוְקָא. ווִי גֶערֶעדט

---

1. *Vayikra* 26:3-4.

2. In the original, the Rebbe uses the term *Gan Eden,* the Talmudic term used for the abode of the souls in the afterlife.

3. *Likkutei Torah, Bamidbar* 40a.

4. ***Toras Shalom,* the *sichah* of *Yud-Tes Kislev,* 5664.** See also *Sefer HaSichos 5696*, p. 143.

relate,[5] other mountains **possessed genuine virtues.** When the Torah was about to be given, they vied before G-d, each one claiming that, because of its virtue, the Torah should be given upon it. **However, not only was the way they approached G-d – displaying their virtues and arguing that the Torah should be given on them – not a reason to give the Torah on these** mountains, but **the opposite was true. Since Torah demands inwardness (*p'nimiyus*),** their preoccupation with their virtues **was the very cause not to do so. For Torah can only be given in a place where no extraneous matters interfere;** the focus must be on the **Torah for the sake of** the **Torah alone.**

פְּרִיעֶר, הָאבְּן דִי אַנְדֶערֶע בֶּערְג גֶעהַאט אִין זִיךְ אֱמֶת'ע מַעֲלוֹת, ווִיבַּאלְד אָבֶּער אַז תּוֹרָה מָאנְט פְּנִימִיּוּת, אִיז זֵייעֶר קוּמֶען צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן ווַיְיזְן זֵייעֶרע מַעֲלוֹת אוּן טַעֲנֶה'ן אַז מִצַּד דֶעם זָאל מֶען גֶעבְּן אוֹיף זֵיי דִי תּוֹרָה, אִיז נִיט נָאר וָואס דָאס אִיז נִיט קֵיין טַעַם אוֹיף צוּ גֶעבְּן אוֹיף זֵיי תּוֹרָה, נָאר אַדְּרַבָּה, עֶס אִיז אַ טַעַם אוֹיף פַּארְקֶערְט, ווַיְיל תּוֹרָה גִיט מֶען נָאר אִין אַן אָרְט וואוּ עֶס מִישְׁן זִיךְ נִיט אַרַיְין קֵיין זַיְיטִיקֶע עִנְיָנִים; תּוֹרָה - צוּלִיבּ תּוֹרָה אַלֵיין.

**For this reason, the Torah was given specifically on Mount Sinai. True,** it was also **a mountain; it possessed the virtue of elevating inanimate matter. However, it was a lowly** mountain, so **that virtue was not evident. Since no extraneous matters were perceptible regarding it,** Mount Sinai **was a fit receptacle for the Torah.**

אוּן דֶערְפַאר הָאט מֶען גֶעגֶעבְּן דִי תּוֹרָה אוֹיף הַר סִינַי דַּוְקָא. הֲגַם אוֹיךְ הַר סִינַי הָאט אִין זִיךְ דִי מַעֲלָה פוּן הַר, - עֲלִיַּת הַדּוֹמֵם, - ווִיבַּאלְד אָבֶּער דִי מַעֲלָה אִיז אִין אִים נִיט קֶענְטִיק, דְּמָכִיךְ, אִין אִים הֶערְן זִיךְ נִיט אָן קֵיין זַיְיטִיקֶע עִנְיָנִים, אִיז עֶר אַ כְּלִי צוּ תּוֹרָה.

## What Made Sinai Worth

**2. This also helps us understand the statement of the Midrash that Mount Carmel came from Aspamia, Mount Tabor from Elim,[6] and Mount Sinai from Mount Moriah. Thus, we can understand that the virtue of Mount Sinai is connected with the importance of Mount Moriah.**

ב. דֶערְמִיט ווֶעט מֶען אוֹיךְ פַארְשְׁטֵיין וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין מִדְרָשׁ[כג] אַז הַר הַכַּרְמֶל אִיז גֶעקוּמֶען פוּן אַסְפַּמְיָא, הַר תָּבוֹר פוּן אֵלִים, אוּן הַר סִינַי פוּן הַר הַמּוֹרִיָּה. דֶערְפוּן פַארְשְׁטֵייט מֶען אַז דִי מַעֲלָה פוּן הַר סִינַי אִיז פַארְבּוּנְדְן מִיטְן עִנְיָן פוּן הַר הַמּוֹרִיָּה.

**The distinction of Mount Moriah is** that it was the place of **the binding of Yitzchak,** the paradigmatic example of **self-sacrifice to fulfill G-d's will without any extraneous considerations. From the perspective of rational calculation, there was room for question and debate, for** Yitzchak **had heard that he was to be bound** and sacrificed **from**

הַר הַמּוֹרִיָּה אִיז זַיְין מַעֲלָה - עֲקֵידַת יִצְחָק, מְסִירַת נֶפֶשׁ צוּלִיבּ מְקַיֵּים זַיְין דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְנְס רָצוֹן, אָן קֵיינֶע זַיְיטִיקֶע זַאכְן. מִצַּד חֶשְׁבּוֹנוֹת וְשֵׂכֶל אִיז דָא אַ חֲקִירָה אוּן אַ שַׁקְלָא וְטַרְיָא דֶערִין, ווָארוּם דֶעם עִנְיַן הָעֲקֵידָה

5. See ***Midrash Tehillim* 68:71 (Buber ed.).** See also the preceding *sichah*, where this concept is explained.

6. As stated in *Megilah* 29a, these were the places these mountains were originally located. After coming to ask that the Torah be given upon them, they were relocated to *Eretz Yisrael.*

הָאט עֶר גֶעהֶערְט מִפִּי נָבִיא, אַבְרָהָם אָבִינוּ, און שׁוֹפֵךְ דַּם הָאָדָם גו׳ וְאַךְ אֶת דִּמְכֶם לְנַפְשׁוֹתֵיכֶם גו׳[כד] אִיז גֶעוֶוען אַ צִיוּוּי מְקוּבָּל מִפִּי הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אוֹיף וֶועלְכְן עֶס זַיְינֶען נִצְטַוָּה גֶעוָוארְן אֲפִילוּ בְּנֵי נֹחַ. נָאר ווִיסְנְדִיק אַז אַזוֹי אִיז דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְנְס רָצוֹן, אִיז עֶר נִיט אַרַיְין אִין קֵיין חֶשְׁבּוֹנוֹת. עֶר אִיז גֶעוֶוען אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן לְגַמְרֵי צוּם רָצוֹן הָעֶלְיוֹן אִין אַ פְּנִימִיּוּת וּבִמְסִירַת נֶפֶשׁ. אָט דָאס אִיז אַ כְּלִי צוּ תּוֹרָה.

(משיחת ב׳ דחה״ש, תשט״ו)

**a Prophet, our Patriarch Avraham, while** the prohibition against taking a life, **"Whoever sheds the blood of man... But your blood, of your souls..."[7] was a command received directly from G-d, which even the descendants of Noach** (i.e., humanity at large) **were commanded to observe. However, knowing that this was G-d's will, Yitzchak did not engage in calculations. He was completely devoted to G-d's will with inwardness (*p'nimiyus*) and self-sacrifice. This** created **a** fitting **receptacle for the Torah.**

---

**7.** *Bereishis* 9:5-6. See ***Bava Kama* 91b,** which derives the prohibition for a person to injure himself from this verse.

---

כב) תורת שלום שיחת יט כסלו תרס״ד. כג) מדרש תהלים שם. כד) בבא קמא צא, ב.

CREDITS:

Copyright by Sichos in English

Rabbi Eliyahu Touger
Rabbi Sholom Ber Wineberg
*Translators*

Rabbi Sholom Zirkind
Rabbi Zalmy Avtzon
*Content Editors*

Uriella Sagiv
David Hendler
*Copy Editors*

Yosef Yitzchok Turner
*Typesetting*

Spotlight Design
*Layout and Cover*

Mayer Preger
*Advisory Board*

Rabbi Shmuel Avtzon
*Director, Sichos In English*

הרה"ת ר' משה יהודה בן ר' צבי יוסף ע"ה
Rabbi Moshe Kotlarsky OBM,
*whose commitment has brought this sacred initiative to fruition*